**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/6/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול דעקט אויף לעבהאפטיגע, קאמיוניטי-פארשטערקערנדער חזון פאר נישט אויסגענוצטע CREEDMOOR קאמפלעקס אין מזרח קווינס**

***ארומנעמיגע 'מייסטער פלאן' משל'ט אויס איבער 2,800 יוניטס פון האוזינג, אריינרעכענענדיג אפאָרדעבעל האוזינג, און ערפילט אנדערע לאקאלע באדערפענישן און פריאריטעטן ווי קאמיוניטי איינריכטונגען, אפענע שטח און גאר-נויטיגע באקוועמליכקייטן***

***פלאן שפיגלט אפ ברייטע קאמיוניטי חזון פלאנירונג פראצעדור אנגעפירט בשותפות מיט קווינס בארא פרעזידענט דאנאווען ריטשארדס***

***ערגענצט גאווערנער האקול'ס דייטליכע חזון צו אדרעסירן ניו יארק סטעיט'ס האוזינג קריזיס דורך עקזעקיוטיוו שריט — אריינרעכענענדיג איניציאטיוו צו גיבן נייע צוועקן פאר שטחים אין סטעיט אייגנטום אלס הייזער***

***לייענט די Creedmoor מייסטער פלאן [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אויפגעדעקט די 'Creedmoor קאמיוניטי מייסטער פלאן', א קאמיוניטי-געטריבענע פלאן וויאזוי צו איבערבויען נישט אויסגענוצטע שטח ביי די 125-אקער גרויסע Creedmoor פסיכיאטרישע צענטער קאמפלעקס אין מזרח קווינס. די פלאן זוכט צו פארוואנדלען אומגעפער 58 אקער פון די Creedmoor קאמפלעקס וואס איז אין די סטעיט רעגירונג'ס אייגנטום פון פארקינג לאטס אויף די אויבערפלאך, ווילדע געוואוקסן און ליידיגע געביידעס צו ווערן א לעבהאפטיגע נייע קאמיוניטי מיט היימער, פארוויילונג ערטער, גרינע שטחים און געגנטליכע געשעפטן. עס איז די רעזולטאט פון א זעקס-חודשים'דיגער צוזאמענארבעטנדער פלאנירונג פראצעדור אנגעפירט דורך עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט און דורך די קווינס בארא פרעזידענט'ס אפיס, ארויסגעהאלפן דורך די Metropolitan Urban Design Workshop.די פלאן, וואס איז היינט אויפגעדעקט געווארן ביי א באגעגעניש מיט קאמיוניטי-פארמישטע קערפערשאפטן, איז פארעפנטליכט [דא](#).

"Creedmoor ברענגט א געלעגנהייט וואס קומט אמאל אין א יובל פאר ניו יארקער צו קענען פונדאסניי אויסמשל'ן סטעיט לענדער און פלאנירן פאר די אויפשטייגנדע באדערפענישן פון דעם מארגנדיגן טאג", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ארבעטנדיג צוזאמען אין פרוכטבארע צוזאמענארבעט מיט די קאמיוניטי – and א דאנק די פירערשאפט פון קווינס בארא פרעזידענט דאנאוועןריטשארדס – קענען מיר אויפבויען מער הייזער, שאפן מער דזשאבס און פארשטערקערן מזרח קווינס פאר דעם קומענדיגן דור."

**קווינס בארא פרעזידענט, דאנאוועןריטשארדס דזשוניאר, האט געזאגט,** "די פאטענציאל וואס שטייט בעפאר אונז אויף די Creedmoor קאמפלעקס איז גרעניצלאז, ווי די נייע Creedmoor מייסטער

פלאן שטעלט דייטליך פאר. אנגעהויבן פון טויזנטע יוּניטס פון האוזינג ביז היסטארישע היים אייגנטימערשאפט געלעגנהייטן, סקול זיצן, קאמיוניטי איינריכטונגען און ריטעיל געשעפטן — שפיגלט די פלאן אפ די סאמע גרעסטע אינוועסטירונג אין מזרח קווינס אין דורות, און איך וואלט נישט געקענט זיין מער באגייסטערט איבער די בעפארשטייענדע ארבעט. עס האט גענומען צענדליגע יארן צו אנקומען צו דעם מאמענט, און איך בין גאר דאנקבאר פאר גאווערנער האקול, עמפייער סטעיט דעוועלאפּמענט און די איינוואוינער פון מזרח קווינס פאר זייער מידלאזע איבערגעגעבנקייט און שותפות ביים אנטוויקלען די קאמיוניטי-צענטרירטע פארשלאג פון אלייף. מיר מאכן היסטאריע יעדן טאג אין קווינס, און דער פראיעקט איז בלויז נאך א ביישפיל פון אונזער באראו'ס לעכטיגע צוקונפט."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפּמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופּ נייט, האט געזאגט,**
"נאך צענדליגע יארן פון אומערפילטע הבטחות פאר Creedmoor, שטייען גאווערנער האקול, ESD, און באראו פרעזידענט דאנאוועו צוזאמען בשותפות מיט די קאמיוניטי צו שטיצן די ארומנעמיגע פלאן צו פארשטערקערן מזרח קווינס. דער חזון שפיגלט אפ א נייע געלעגנהייט פאר די געגנטער ארום Creedmoor צו סוף כל סוף זיך פאראויס רוקן מיט לאקאלע פריאריטעטן און זיך גרייטן פאר די קאמיוניטי'ס ארויסקומענדע באדערפענישן."

די Creedmoor קאמיוניטי מייסטער פלאן שלאגט פאר איבער 2,800 יוּניטס פון נייע הייזער, מיט מער פון 55 פראצענט דעזיגנירט פאר היים אייגנטימערשאפט. דאס וועט זיין דעם ראיאן'ס סאמע גרעסטע נייע אינוועסטירונג אין האוזינג זינט די 1950'ער און די סאמע גרעסטע אויסברייטערונג אין היים אייגנטימערשאפט געלעגנהייטן אין כמעט 50 יאר. די פלאן שלאגט אויך פאר א געמיש פון אפּאָרדעבעל רענט אפציעס פאר עלטערע מענטשן און פאמיליעס, און עס זעצט פאר א קרוב-צו-80-יעריגע היסטאריע פון וועטעראן האוזינג אין מזרח קווינס מיטן אפפערן פאר מענטשן וועלכע האבן געדינט אין די מיליטער דין קדימה ביי א חלק פון דעם פראיעקט'ס יוּניטס. אין צוגאב, לייגט די פלאן אוועק אומגעפער 14 אקער פאר אפענע שטח, און עס לייגט אוועק לאקאציעס פאר באקוועמליכקייטן ווי א פארוויילונג צענטער, א דעיקעיר פלאץ, א סקול און געגנטליכע ריטעיל געשעפטן.

די פלאן'ס אנטוויקלונג האט אריינגענומען א ברייטע זעקס-חודשים-לאנגע קאמיוניטי מיטארבעט פראצעדור וואס האט אריינגערעכנט ווארקשאפּס פנים אל פנים און פונדערווייטנס צו אויפקומען מיט די פריאריטעטן ווי צום ביישפיל די נויט פאר קאמיוניטי פארזאמלונג פלעצער, פארשידנארטיגע האוזינג אפציעס, געגנטליכע ריטעיל געשעפטן און פארבעסערטע טראנספארטאציע. נאכפאלגנדיג די אויפדעקונג פון די פלאן, וועט עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט (Empire State Development, ESD) אויפשטעלן די Creedmoor קאמיוניטי אדווייזארי קאמיטע צו צושטעלן אנגייענדע הדרכה אויף די איינפירונג דערפון. די קומענדיגע שריט רעכענען אריין דאס אנהויבן אן ענווייראמענטאלע איבערבליק פראצעדור אין 2024. ESD וועט אויך מאכן אן אלגעמיינע פראיעקט פלאן און ארויסקומען מיט איינלאדענונגען פאר פארשלאגן (request for proposals, RFP) צו טרעפן דעוועלאפּמענט שותפים וועלכע וועלן אויספירן די פלאן אין שטאפלען.

**טוישן באשטימטע לאנד באדן פאר הויזינג**
גאווערנער האקול האט געמאלדן אויף א פעקל פון אויספירנדע אקטן פריער דעם יאר צו שטופן פאראויס מער הויזינג אלס טייל פון אן אנגייענדע באשטימונג צו פארמערן הייזער אלס ענטפער צו ניו יארק'ס הויזינג קריזיס. אלס א טייל פון דעם פעקל, האט די גאווערנער פאראדנט סטעיט אגענטורן איבערצוקוקן שטחים אין זייערע אייגנטימשאפט און קאנטראל און באשטימען אויב די פלעצער זענען פאסיג פאר האוזינג.

נעכטן האט גאווערנער האקול אויפגעדעקט א פארשלאג צו פארוואנדלען די געוועזענע לינקאלן טורמע אין ניו יארק סיטי צו ווערן א לעבהאפטיגע דעוועלאפּמענט מיט פארשידענע באנוצן מיט 105 יוּניטס פון

אפאָרדעבעל האוזינג. די גאווערנער האט אויך אנאנסירט איינלאדענונגען פאר פארשלאגן צו איבערבויען די געוועזענע בעיוויו טורמע און די Site K o'Javits Center אין מאנהעטן און אזוי אויך די געוועזענע דאַונסטעיט טורמע אין פישקיל מיט א דגש אויף האוזינג.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן